Reprinted from YIVO Bleter - Journal of the Yiddish Scientific Institute, Vol. XXXVIII, pp. 343-343, 1954

# חיים זעליג סלאָנימסקיס אומבאַקאַנטער פּרוּוו צו פּאַטענטירן אַ רעכן־מאַשין אין וואַשינגטאָן

אין יאָר 1838 האָט זיך חיים זעליג סלאָנימסקי (1904—1810) באַזעצט אין וואַרשע און תּיכּף געוואָרן אַ יוצא ונכנס אין דער שטוב פֿון אַבֿרהם יעקבֿ שטערן (1842—1768), דעם פּאָפּולערן מאַטעמאַטיקער און אויסגעפֿינער פֿון פֿאַרשיידענע מאַשינען.[1] אין זעלביקן יאָר איז אין וואַרשע אַרויס סלאָנימסקיס אַסטראָנאָמיש ווערק תּולדות השמים מיט פּוילישע הקדמות פֿון צוויי פּראָמינענטע פּאָליאַקן־אַסטראָנאָמען. דאָס האָט דער יונגער מחבר געהאַט צו פֿאַרדאַנקען אַבֿרהם יעקבֿ שטערנען וואָס האָט דעם אָקערשט אָפּגעגטן תּלמיד־חכם שטאַרק געוואָלט פֿאַר אַן איידעם פֿאַר זײַן מיזינקע שׂרה (1897—1824). דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן אָנהייב 1842, אַ חודש פֿאַר שטערנס טויט.

סלאָנימסקי האָט געירשנט זײַן שווערס אויסגעפֿינסן און מיט דער הילף פֿון זײַן ווײַב גענומען אָנגעבן זיי פֿאַר זײַנע אייגענע. ער האָט געהאַט אַ קאָנקורענט אין אַ געוויסן אַבֿרהם שטאַפּעל (1880—1810), אַ וואַרשעווער זייגער־מאַכער, וואָס האָט אין 1845 רעקלאַמירט אַן אייגענע רעכן־מאַשין געבויט אויף די זעלבע יסודות ווי שטערנס מאַשין. עס איז ניט קיין ספֿק, אַז דער דאָזיקער שטאַפּעל איז געווען שטערנס אַ מקורבֿ.

לויט דער טראַדיציע אין דער משפּחה האָט שטערן געהאַלטן זײַנע מאַשינען בסוד פֿון סלאָנימסקין, ווײַל ער האָט מורא געהאַט, אַז יענער זאָל זיי ניט קאָפּירן און זיי אָנגעבן ווי אייגענע דערגרייכונגען.

שטאַפּעל האָט אַרויסגענומען פּאַטענטן פֿאַר זײַן רעכן־מאַשין אין אַ ריי מערבֿ־אייראָפּעיִשע לענדער. סלאָנימסקי האָט דאָס געפּרוּווט צו טאָן אין 1847 אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. הגם עס האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן צו באַקומען אין אַמעריקע אַ פּאַטענט, מסתּמא מחמת אַ געהיימען באַריכט מכּוח דעם ווער עס איז דער אמתער אויסגעפֿינער, איז אָבער דער פּרוּוו גופֿא פֿון אַ באַטײַטיקן היסטאָרישן אינטערעס.

קודם־כּל דערוויסט מען זיך פֿון סלאָנימסקיס בקשה, אַז אין ניו־יאָרק איז אין 1847 געווען אַ פֿירמע פֿון צוויי וואַרשעווער ייִדן, נײַשטאַט און באַרנעט, וואָס זײַנען געווען פֿאַראינטערעסירט אין פֿינאַנצירן זײַן אַנטדעקונג און זיי האָבן משמעות אײַנגעצאָלט די דרײַ הונדערט דאָלאַר, פֿאַר יענער צײַט גאָר אַ גרויסע סומע געלט, אויף צו באַקומען דעם פּאַטענט.

סלאָנימסקי האָט זיך געפֿילט אין וואַרשע זייער זיכער. דער נאַמיעסטניק פּאַסקעוויטש האָט אים שטאַרק פּראָטעזשירט. אין 1845 האָט פּאַסקעוויטש אַפֿילו געבעטן דעם באַנקיר מאַטיאַס ראָזען צו שאַפֿן פֿאַר סלאָנימסקין אַ סומע געלט צו מאַכן אַ רײַזע קיין פּעטערבורג.[2] אין וואַרשע איז נאָך דעמאָלט קיין אַמעריקאַנער קאָנסולאַט ניט געווען. אין די תּנאים פֿון אַ שטרענג פּאָליצייִשן רעזשים וואָלט קיינער זיך ניט געוואַגט צו בעטן אַ פּאַטענט אין אויסלאַנד אָן דער דערלויבעניש פֿון פּאַסקעוויטשן. משמעות אַז סלאָנימסקי האָט דאָס געטאָן מיטן נאַמיעסטניקס הסכּמה.

---

* פֿאַרן בירגערקריג.

1 פּרטימדיק וועגן אים: יעקבֿ שאַצקי, „אַבֿרהם יעקבֿ שטערן" אין: *The Joshua Starr Memorial Volume*, New York, 1953, 203-218.

2 ייִוואָ־בלעטער, VI (1934), 80.

די בקשה גופא האָט אַ קולטור־היסטאָרישן ווערט, אָבער די אויספירלעכע באַשרײַבונג פון דער רעכן־מאַשין גופא מיט הערות פון אַ באַאַמטן אין וואַשינגטאָן איז מער אַן אַנטיקוואַרישער ענין.

מיר גיבן דאָ דעם אָריגינאַל פון סלאָנימסקיס פעטיציע, לויטן דאָקומענט פונעם ייִוואָ־אַרכיוו. היות ווי קיין אויספירלעכע מאָנאָגראַפיע וועגן חיים זעליג סלאָנימסקין איז נאָך אַלץ ניט פאַראַן, איז כדאַי אָנצווײַזן אויף עטלעכע אַרטיקלען וואָס פאַרמאָגן גאָר אַ וואַגיקן מאַטעריאַל פאַר אַזאַ מאָנאָגראַפיע:

Hilary Nussbaum, "Ch. Z. Słonimski," *Izraelita*, 1884. 16. 17.

ג. סאָקאָלאָוו, אין הצפירה (בײַלאַגע), 1904, נג' 103, 110, 116, 128.

*Русскій Еврей*, 1879, 14—17; 1880, 7, 9; 1881, 6, 7.

יעקב שאַצקי, געשיכטע פון ייִדן אין וואַרשע, בב' II און III (זוכצעטל פון נעמען).

נחום סאָקאָלאָוו, פּערזענלעכקייטן, בוענאָס־אײַרעס, 1948, 87—113 (איבערגעזעצט פון זמן בוך אישים, ב' 2).